Scroll down to last page for the English synopsis of this talk.

## די ייִדיש־פֿאַרם: אַ היַינטצײַטיקער טעריטאָריאַליסטישער פּראָיעקט

מײַן עלטער־זיידע חיים־בנימין שעכטער איז געווען אַ הייסער טעריטאָריאַליסט. אַליין אַ קעמפֿער פֿאַר דער ייִדישער שפּראַך, איז זײַן טעריטאָריאַליזם נישט געווען קיין ריין פּאָליטישער נאָר בעיקר אַ קולטורעלער. ער האָט געחלומט וועגן ייִדיש־רעדנדיקע פֿאַרמערס וואָס וועלן אויפֿבויען די נײַע טעריטאָריע. כּדי זיך צו גרייטן אויף אַזאַ צוקונפֿט, האָט ער זיך גענומען לערנען גערטנערײַ פֿון אַ דײַטש אינעם פּראָווינץ.

דער יונגערמאַן מיט זײַן אידעאַליזם איז נעבעך אומגעקומען ווען מען האָט אים, צוליב אַ סאָוועטישער גזירה, פֿאַרשיקט קיין סיביר. מײַן זיידע, איטשע־מרדכי שעכטער ז״ל איז דעמאָלט געווען אַ קינד פֿון 8 יאָר. פֿון דעסט וועגן האָבן ער מיט זײַן שוועסטערביילע געירשנט פֿונעם טאַטן דעם ברען פֿאַר ייִדיש. די אויפֿטוען פֿון ביילע שעכטער־גאָטעסמאַן אין קונסט און קולטור, און פֿון מרדכי שעכטער אין לערערײַ, אין דער אַקאַדעמיע און אַוודאי אין דער ייִדיש־ליגע זענען גוט באַקאַנט. ווייניק מענטשן ווייסן אָבער פֿון זייער אַרויספֿאָר קיין רוזוועלט, ניו־דזשערזי אין די 1950ער יאָרן כּדי צו געפֿינען אַ פֿאַרם אויפֿצושטעלן אַ ייִדיש־רעדנדיקע קאָלאָניע. אין יענע יאָרן איז שוין נישט געווען וואָס צו רעדן וואָס שייך אַ ייִדישער טעריטאָריע, אָבער די פֿרײַלאַנד־ליגע האָט זיך נאָך אַלץ פֿאַרנומען מיט קליין־קאָלאָניזאַציע. אַנשטאָט צו זוכן אַ לאַנד צו ראַטעווען די ייִדישע פּליטים האָט מען געוואָלט בויען ייִשובֿים כּדי צו ראַטעווען די ייִדישע קולטור. צום באַדויערן, איז דער פּראָיעקט דורכגעפֿאַלן. ווי איר זעט איז אין מײַן משפּחה דער טעריטאָריאַליזם שטאַרק פֿאַרבונדן סײַ מיט ייִדישיזם, סײַ מיט אַגריקולטור. דער עלטער־זיידע מיטן זיידן האָבן ביידע געחלומט פֿון ערד־אַרבעטערס ייִדיש־רעדערס וואָס וווינען אין אַ פֿרײַ לאַנד און אַנטוויקלען ווײַטער די ייִדישע קולטור.

אַ גוטער געדאַנק, ווערט אָבער נישט גרינג אויסגעלאָשן. ער ליגט און שלאָפֿט אין דער ערד ביז ס'קומט אַ פֿרישע געלעגנהייט, און דעמאָלט גיט ער זיך ווידער אַ הייב אַרויף. איך קום אײַך וויסן צו טאָן אַז ס'איז שוין צײַט צו פּרוּוון נאָך אַ מאָל. ייִדיש־פֿאַרם איז דאָ.

מיט 7 חדשים צוריק זײַנען זיך צונויפֿגעקומען איבער 60 ייִדיש־רעדערס אויף אַן אַסיפֿה דאָ אין ניו־יאָרק. צוזאַמען האָבן מיר געגרינדעט אַ נײַע ייִדישע אָרגאַניזאַציע, ייִדיש־פֿאַרם, אַ גילגול פֿונעם טעריטאָריאַליסטישן געדאַנק. דער ציל פֿון ייִדיש־פֿאַרם איז צו בויען אַן אָרגאַנישע פֿאַרם און שאַפֿן דערויף אַ ייִדיש־רעדנדיקן ייִשובֿ.

דעם זומער, האַלטן מיר אַ 3-וואָכיקע זומער־פּראָגראַם אויף אַזאַ פֿאַרם. די באַטייליקטע וועלן זיך לערנען אָרגאַנישע פֿאַרמערײַ און וועלן זיך גלײַכצײַטיק פֿאַרטיפֿן אין דער ייִדישער ליטעראַטור, מוזיק און טעאַטער. פֿאַרשטייט זיך, מען וועט די גאַנצע צײַט רעדן ייִדיש. איבער אַ יאָר וועט מען האַלטן די פּראָגראַם אַ גאַנצן זומער, און מיט דער צײַט וועלן ייִדיש־רעדערס וווינען אויף דער פֿאַרם אַ גאַנץ קײַלעכדיק יאָר.

פֿרעגט זיך אַ פֿראַגע: פֿון וועלכע קוואַלן וועלן מיר שאַפֿן די ייִשובֿניקעס, די ייִדיש־רעדערס?

ראשית־כּל, זאָלט איר וויסן אַז דער ייִדישיזם לעבט נאָך בײַם ייִנגערן דור. יוגנטרוף, אַ ייִדישיסטישע יוגנט־אָרגאַניזאַציע, ציט צו ייִדיש־רעדערס פֿון דער גאַנצער וועלט אויף אירע אונטערנעמונגען. צענדליקער ייִדיש־לערן־פּראָגראַמען עקסיסטירן: אין אַמעריקע, ארץ־ישׂראל, קאַנאַדע, אויסטראַליע, פֿראַנקרײַך, ליטע, פּוילן און דײַטשלאַנד. דורך דער אינטערנעץ קען מען געפֿינען הונדערטער נײַע ייִדיש־סטודענטן יעדעס יאָר. אַ חוץ דעם האָבן אין די לעצטע דרײַסיק יאָר די חסידישע קהילות זיך געמערט מיט אַזאַ אימפּעט אַז אַזוינס האָט מען שוין נישט געזען זינט גלות־מצרים (לויטן מדרש האָט יעדע ייִדישע מאַמע געבוירן 6 קינדער יעדעס מאָל וואָס זי איז געגאַנגען צו קינד). לעבן דער ייִדיש־פֿאַרם, שטייט קרית־יואל, אַ שטאָט פֿון 30,000 ייִדן, כּמעט אַלע ייִדיש־רעדערס.

אונדזער אָרגאַניזאַציע ציט פֿון דרײַ גרופּעס: בני־ייִדישיסטן (ווי אַני הקטן), ייִדיש־סטודענטן, און מענטשן פֿון חסידישע משפּחות. אויף אונדזער זומער־פּראָגראַם קומען פֿאַרטרעטערס פֿון אַלע דרײַ קאַטעגאָריעס.

איצט איז דווקא די צײַט פֿאַר ייִדיש־פֿאַרם. דער וווּקס פֿון דער שמירת־האדמה־באַוועגונג בכּלל און פֿון אָרגאַניש עסנוואַרג בפֿרט, דאָס מערן זיך פֿון די חסידים, די פֿאַרשפּרייטונג פֿון אינטערנעץ, און דער באַנײַטער אינטערעס אין ייִדיש בײַם ייִנגערן דור גיבן אונדז אַ געלעגנהייט צו פּרוּוון נאָך אַ מאָל צו שאַפֿן אַ ייִדיש־רעדנדיקן ייִשובֿ. נישט געקוקט אויף די רדיפֿות און רציחות, אַסימילאַציע און נעגאַטיווע באַציִונגען צו ייִדיש, דעם דורכפֿאַל פֿון טעריטאָריאַליזם און פֿון קליין־קאָלאָניזאַציע, איז ייִדיש נאָך אַלץ אַ שפּראַך און ערדאַרבעט איז נאָך אַלץ אַ פֿאַך.

איך וויל באַדאַנקען די ייִדיש־ליגע, וואָס קעמפֿט פֿאַר אַ מאָדערן דערהײַנטיקט ייִדיש, און יוגנטרוף, וואָס קולטיווירט ייִדיש בײַם ייִנגערן דור. אָן די אָרגאַניזאַציעס וואָלט ייִדיש־פֿאַרם געווען נישט מער ווי אַ זיסע פֿאַנטאַזיע. איך וויל אויך באַדאַנקען אונדזערע שטיצערס, די נעמי כּדר־פֿונדאַציע, די בנימין שעכטער־פֿונדאַציע, די אַהרון און סאָניע פֿישמאַן־פֿונדאַציע, די חיים שוואַרץ־פֿונדאַציע, און חזון, אַן אָרגאַניזאַציע וואָס שטיצט ייִדישע אָרגאַניזאַציעס וואָס פֿירן דורך פּראָיעקטן לטובֿת דעם סבֿיבֿה־מצבֿ.

אַחרון אַחרון חבֿיבֿ וויל איך באַדאַנקען די משפּחה יאַכנאָוויץ וואָס אָן זייער פּרעכטיק שיינער פֿאַרם וואָלטן מײַנע רייד געווען נאָר פּוסטע חלומות. אין די קומעדיקע פּאָר חדשים הייבן מיר טאַקע אָן אויפֿצובויען דעם ייִשובֿ אויף דעם דאָזיקן שטח וואָס געהערט צו דער משפּחה. ווער עס וויל זײַן אַקטיוו אין אונדזער אָרגאַניזאַציע זאָל זיך פֿאַרבינדן מיט אונדז און קוקן אויף אונדזער וועבזײַטל:
www.yiddishfarm.org

אויף צו להכעיס אַלע שׂונאים!

דוד־נפֿתּלי שעכטער איידלמאַן

# YIDDISH FARM
## A Modern-Day Territorialist Project
Synopsis: Naftali Ejdelman

Both my great-grandfather Binyumin Schaechter and my grandfather Mordkhe Schaechter were committed to establishing a Yiddish-speaking territory for the Jewish people. In both cases, this ideology was connected to agriculture. Binyumin Schaechter began to study horticulture while living in Czernowitz in order to prepare for a new generation of Yiddish-speaking farmers. Mordkhe Schaechter was part of a committee that tried to establish a Yiddish-speaking colony on farmland in Roosevelt, New Jersey in the 1950. Unfortunately, neither of these men had the opportunity to see his dream fulfilled.

I recently helped found the organization Yiddish Farm, which is partly inspired by the terrirorialist dreams of my forebears. Our ultimate mission is to create a small Yiddish-speaking community around a 200-acre farm in Goshen, New York, a mere 55 miles from New York City. In the meantime, we are running programs that bring native and non-native Yiddish-speakers together in an agricultural context. This summer we will be running a 22-day Yiddish immersion organic farming program and a 4-day Jewish agricultural festival.

We draw from 3 populations: people from ideological Yiddishist backgrounds (like myself), people from Hasidic backgrounds, and people who studied Yiddish in the classroom. As our organization and our business expand, we will be hiring people who are interested in living in a pluralistic Yiddish-speaking community and in our small part, fulfill some of the dreams of the great Territorialist thinkers, may they forever be remembered.